בס"ד

# כשם שהקב"ה לכל כך רבי שמעון לכל!

אין די טעג זענען מיר אלע עדות צו דעם מורא'דיגן מראה, וויאזוי טויזנטע אידן פון אלע עקן וועלט לאזן אלעס איבער אונטער זיך, און מאכן דעם לאנגן רייזע צו דעם קליינטשיג דערפל "מירון", וואס בלויז דערמאנען דעם נאמען איז גענוג צו ערוועקן א ווארימער געפיל אין יעדן אידיש הארץ, דארט געפינט זיך דאך דער הייליגער ציון פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, וואס זיין יומא דהילולא איז דאך ל"ג בעומר, און עס שוין דורי דורות וואס דער פלאץ און טאג איז גאר הייליג, און אידן פון איבער די גארער וועלט קומען אהין מתפלל זיין און אויסגיסן זייער הארץ צום אייבערשטן, מיטן פולסטן אמונה אז דער השי"ת וועט ממלא זיין אלע בקשות אין זכות פונעם גרויסן צדיק.

אין די זעלבע צייט זענען דאך פארהאן אומצאליגע אידן וואס וואלטן זיך זייער שטארק געוואלט געפינען ביי דעם ארט, אבער צוליב פארשידענע סיבות איז דאס צוריקגעהאלטן פון זיי, און זיי באגעניגן זיך מיטן זיך פארבינדן צום תנא האלוקי פונדערווייטנס, און זענען מתפלל בכל מקומות מושבותיהם געהאלפן צו ווערן, ווייל "כשם שהקב"ה לכל, כך רשב"י לכל". (בית אהרן)

## פארביידע סארט אידן האבן מיר גאר וויכטיגן 'מעסעדש':

### פאר די וואס זענען דא

ריכטיג, איר זענט נישט זוכה זיך צו געפינען 'בפועל' ביי רבי שמעון, און איר זענט פארבינדן בלויז פונדערווייטנס, אבער אט הערט א וואונדערליכע סגולה זיך אנצובינדן מיט א שטארקן קשר מיטן הייליגן תנא, דורכ'ן לערנען זיינע הייליגע רייד אין "זוהר הקדוש" פרשת וילך:

### פאר די וואס פארן

איר זענט זוכה צו א גרויסער זכיה, צו האבן אזא רוחניות'דיגע הנאה, אויסצוגיסן אייער הארץ אין אזא הייליג פלאץ, אבער וויפיל בעסער איז אויב מען איז מקיים די רייד פונעם בעל ההילולא התנא הקדוש רבי שמעון בר יוחאי אין זיין ספר "זהר הקדוש" פרשת וילך:

**בזמן שיש צרה בעולם, מסתכל הקב"ה באלו שעונין אמן. יהא שמיה רבא ונזהרים בהם, להצילם מכל צרה וצוקה**

**פארשאפט דעם גרעסטן נחת רוח פאר'ן הייליגן צדיק, דורכ'ן זיך אפהיטן אין ענטפערן "אמן", און "אמן. יהא שמיה רבא" וואס מיט דעם וועט איר פארזיכערט מיט א שמירה עליונה געראטעוועט צו ווערן פון יעדע צרה!**

לעילוי נשמת האברך הרב **שרגא אליהו** ז"ל בן יבלחט"א ר' חיים אליעזר דוד שיחי' **געשטעטנער** אשר בקולו הנעים זכה לעורר רבבות אלפי ישראל בגודל מעלת אמירת "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" על אלבומי "אמן ואמן" - נספה באסון הנורא במירון, ל"ג בעומר תשפ"א לפ"ק

לע"נ יהודית בת ר' שמואל מאיר ע"ה

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי זי"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ